**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/29/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט צוויי אויסדערוועהלטע ים-ווינט ענערגיע פראיעקט צו ברענגען ריינע עלעקטריציטעט אין 2026**

***Empire Wind 1 און Sunrise Wind וועלן שטיצן מער פון 800 דזשאבס אין די נאענטע טערמין וואס ערלויבן צו אויסהאלטן א פאמיליע***

***2 ביליאן דאלאר אין עקאנאמישע אנטוויקלונג אינוועסטירונגען אין די נאענטע טערמין, אריינרעכענענדיג שטיצע פאר שוואכערע קאמיוניטיס***

***אויסדערוועהלטע פראיעקטן ברענגען א סך הכל פון איבער 1,700 מעגאַוואַטס פון ריינע-ענערגיע — די גרעסטע ענערגיע-אויפטרייבנדע פראיעקטן אין ניו יארק סטעיט אין איבער 35 יאר***

***ערמעגליכט די קאנסטרוקציע פון איינס פון די גרעסטע ספעציעלע ים ווינט ענערגיע פארט איינריכטונגען אין די פאראייניגטע שטאטן ביי סאוט ברוקלין מארין טערמינאל***

***גרענטס זענען פארשריט אין ריכטונג פון סטעיט'ס קלימאט געזעץ ציהל צו בויען 9,000 מעגאַוואַטס פון ים ווינט ענערגיע ביז 2035***

גאווערנער האקול האט היינט אנאנסירט אז די סטעיט האט אויסדערוועהלט – אויף א תנאי – צוויי ים ווינט ענערגיע פראיעקטן פון די פערטע ים ווינט ענערגיע פארשלאגן אויסוואהל — א פלאנירטע 810-מעגאַוואַט פראיעקט, Empire Wind 1 (געבויט דורך Equinor) און Sunrise Wind, א פלאנירטע 924-מעגאַוואַט פראיעקט (געבויט דורך Orsted און Eversource). די פראיעקטן וואס זענען אויסדערוועהלט געווארן אלס די בעסטע פון אלע וואס זענען פארגעשלאגן געווארן וועלן שאפן מער פון 800 קאנסטרוקציע דזשאבס פון וואס מען קען אויסהאלטן א פאמיליע אין די נאענטע טערמין, און זיי וועלן אינוועסטירן 2 ביליאן דאלאר אין בארייכערטע עקאנאמישע אנטוויקלונג אריבער די סטעיט אין די נאענטע טערמין, אריינרעכענענדיג צוגעזאגטע אינוועסטירונגען דורך די דעוועלאפערס צו שטיצן שוואכערע קאמיוניטיס. די פראיעקטן וואס וועלן ברענגען א סך הכל פון איבער 1,700 מעגאַוואַטס פון ריינע-ענערגיע וועלן זיין די גרעסטע ענערגיע-אויפטרייבונג פראיעקטן אין ניו יארק סטעיט אין איבער 35 יאר איינמאל זיי וועלן אריינגיין אין אפעראציע אין 2026, און זיי וועלן פארזעצן די פארשריט צו ערגרייכן די סטעיט'ס ציהל אין דעם 'קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ' ( Climate Leadership and Community Protection Act, 'קלימאט געזעץ') צו דעוועלאפען 9,000 מעגאַוואַטס פון ים-ווינט ענערגיע ביז 2035.

"איך האב פארשפראכן צו מאכן ניו יארק פאר א פלאץ פאר די באנייבארע ענערגיע אינדוסטריע צו טוהן ביזנעס, און מיר ערפילן די צוזאג", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ים-ווינט ענערגיע איז יסודות'דיג אין אונזער קאמף קעגן קלימאט טויש, און די אויסדערוועהלטע פראיעקטן ווייזן ארויס אונזער נאציאנאלע

פירערשאפט צו שטופן פאר אן עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט גריד פאר די בעסטע ווערט פאר ניו יארקער."

"די היינטיגע אנאנס איז די גרעסטע טריט אויף פאראויס אזוי ווי פרעזידענטביידן זעצט פאר צו ברענגען היסטארישע פארשריט צו פארגרעסערן די אמעריקאנע ים-ווינט ענערגיע אינדוסטריע, שאפנדיג שיין-באצאלטע יוניאן דזשאבס און פאראויס שטופנדיג אונזערע אמביציעזע קלימאט און ריינע-ענערגיע ציהלן," **האט ווייסער הויז דעפּיוטי נאציאנאלע קלימאט אדוויזאר, מערי פרענסעס רעפּקאָו, געזאגט.** "מיט שטיצע פון די פרעזידענט'ס 'אינוועסטירן אין אמעריקע' (Investing in America) אגענדע, וועלן די פראיעקטן בענעפיטירן לאקאלע ארבייטער און קאמיוניטיס און פארשטערקערן א מעניופעקטשורינג באזע אין אמעריקע וואס ציהט זיך אריבער דאס לאנד. די ביידן-העריס אדמיניסטראציע וועט פארזעצן צו ארבעטן בשותפות מיט פירער ווי גאווערנער האקול און אנדערע גאווערנערס אריבער דאס לאנד צו ארויפבויען אויף פרעצעדענטלאזע ים-ווינט ענערגיע אונטערנעמונגען – פונעם געבן פערמיטס פאר פראיעקטן און ארויסליעסען שטחים פאר ווינט ענערגיע, ביזן אויפבויען א סופליי טשעין וואס איז 'מעיד אין אמעריקע' און ביזן אויסברייטערן פארט און דראטן אינפראסטרוקטור."

די היינטיגע אנאנס שפּיגלט אפ ווייטערע שריט וואס ווערן גענומען דורך די סטעיט אלס טייל פון ניו יארק'ס 10-נקודות'דיגע אקציע פלאן וואס איז [אנאנסירט](#) געווארן דורך גאווערנער האקול אין 2023, פירנדיג צו אויסדערוועהלטע פראיעקטן וואס וועלן ברענגען איבער 1,700 מעגאַוואַטס ( megawatts, MW) פון ריינע, לאקאל-פראדוצירטע ענערגיע, א מאס וואס איז גענוג צו צושטעלן עלעקטריציטעט פאר איין מיליאן ניו יארקע היימער און אהערשטעלן אומגעפער 10 פראצענט פון ניו יארק סיטי און לאנג איילענד'ס עלעקטריציטעט געברויכן.

אלס פראיעקטן וואס זענען שוין אריבער ערשטיגע פראצעדור, האבן Empire Wind 1 – שטייענדיג 15 מייל אראפ פון ניו יארק'ס ברעג – און Sunrise Wind – שטייענדיג מער פון 30 מייל מזרח פון די מזרח עק פון לאנג איילענד – שוין אריבער רוב פעדעראלע און סטעיט פערמיט שטאפלען, אריינרעכענענדיג Empire Wind I באקומענדיג די ענדגילטיגע באשטעטיגונג פון זייער קאנסטרוקציע און אפעראציס פלאן פון די ביורא פון אקעאנישע ענערגיע פארוואלטונג ( Bureau of Ocean Energy Management, BOEM) לעצטע וואך.ביידע פראיעקטן זענען ערווארטעט צו פארברייטערן די קאנסטרוקציע אקטיוויטעטן דאס יאר בשעת'ן טרייבן לאקאלע אינוועסטירונגען און פארגרעסטע עקאנאמישע בענעפיטן פאר ניו יארק סטעיט פאר גוטע ראטעס. די היינטיגע אויסוואהלן זענען אויף די תנאי אז די קאנטראקט וועט ערפאלגרייך דורכגעפירט ווערן. אין צוגאב איז דער 'קאמיוניטי ים ווינט 2' ( Community Offshore Wind 2) פראיעקט ארויפגעלייגט געווארן אויף די ווארט-ליסטע, און עס וועט מעגליך באטראכט ווערן פאר פארהאנדלונגען איבער אויסוואהלן און קאנטראקטן אויף א שפעטערע דאטום.

### צוזאמען וועלן Empire Wind 1 און Sunrise Wind:

- רעדוצירן קלימאט-שעדיגנדע גאז עמיסיעס מיט איבער דריי מיליאן מעטריק טאן יערליך, די מאס פון די יערליכע עמיסיעס פון איבער 740,000 קארן.
- אנהויבן די קאנסטרוקציע און אפעראציע פון די סאוט ברוקלין מארין טערמינאל פארט וואו די מאשינעריי וועלן צוזאמגעשטעלט און צוגעגרייט ווערן, עפענענדיג איבער 400 קאנסטרוקציע דזשאבס דאס יאר צו פארוואנדלען די 70-אקער-גרויסע שטח אויפן ים ברעג וואס שטייט יעצט אן באנוץ אין א שוואכערע קאמיוניטי צו ווערן א בליהענדע ים ווינט ענערגיע פארט.
- אינוועסטירן מער פון 80 מיליאן דאלאר אין קאנסטרוקציע און מעניופעקטשורינג אין פארבינדונג מיט פארגעשריטענע פונדאמענט עלעמענטן ביי די קווימענס פארט.
- פארזעצן צו מאכן אינוועסטירונגען אין א סך הכל פון 135 מיליאן דאלאר אין עלעקטריציטעט גריד אינפראסטרוקטור אין לאנג איילענד און 200 מיליאן דאלאר אין עלעקטריציטעט דראטן-

פארבינדענע אינוועסטירונגען, געשטיצט דורך אן אפמאך מיט די יוניאנס פאר דעם פראיעקט (Project Labor Agreement) מיט טיכטיגע מענער און פרויען פאכלייט פון לאנג איילענד, אריינרעכענענדיג אפערירער פון שווערע עקוויפמענט, עלעקטרישענס און דראטן ארבייטער.

- ברענגען פובליק געזונטהייט בענעפיטן וואס וועלן רעזולטירן פון פארמינערטע אויסגעשטעלטקייט צו שעדליכע פארפעסטיגונגען — אריינרעכענענדיג ווייניגער עפיזאדן פון קראנקהייטן און פריצייטיגע טויט, ווייניגער טעג פארפעלט פון שולע אדער ארבעט, ווייניגער צושטערונג פון ביזנעס און נידעריגערע העלט קעיר קאסטן.
- ברענגען א רייע בענעפיטן אין איינקלאנג מיט קלימאט געזעץ ציהלן, מיט איבער 1 ביליאן דאלאר אינוועסטירט אין שוואכערע קאמיוניטיס, 117 מיליאן דאלאר שטיצנדיג ביזנעסער אין אייגנטום פון מינאריטעטן, פרויען און וועטעראנען, און איבער 43 מיליאן דאלאר אין ארבעטסקראפט אנטוויקלונג אינוועסטירונגען.

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "איך בין גאר שטאלץ מיט די NYSERDA מאנשאפט'ס אויפגעוויזענע מעגליכקייט צו שנעלערהייט רעאגירן צו שוועריגקייטן אויף די מארקעט דורכן געניטערהייט אויספירן די צוגעיאגטע פארשלאג אויסוואהל פראצעדור אויף אן אופן וואס האט פארזיכערט קאנקורענץ, א גרונטליכע איבערבליק פראצעדור און א קאסט וואס הייסט גוט אין די היינטיגע מארקעט. מיר זענען באגייסטערט צו זעהן Equinor און Orsted און Eversource זיך ארויפשארן די ארבל און ארייינברענגען די פראיעקטן אין אפעראציע אין די נאענטע תקופה. די היינטיגע אנאנס ווייזט ווידער ארויס גאווערנער האקול'ס פירערשאפט אין באנייבארע ענערגיע און ניו יארק סטעיט'ס פארפליכטונג צו ארבעטן בשותפות מיט פירמעס וואס וועלן ליפערן ים-ווינט ענערגיע, שאפן דזשאבס פאר צוקונפטיגע דורות און בויען קריטישע פארט אינפראסטרוקטור אין דעם זעלבן צייט."

Empire Wind 1 און Sunrise Wind זענען שוין אין די פארגאנגענהייט אויסדערוועהלט געווארן דורך NYSERDA אין 2019 אלס טייל פון NYSERDA'ס ערשטע ים ווינט ענערגיע פארשלאגן אויסוואהל. אלס טייל פון די אויסוואהלן וועלן די פראיעקטן געהאלטן ווערן צו נייע קאנטראקט סעיפים וואס ברענגען נאך בענעפיטן פאר די סטעיט, אריינרעכענענדיג:

- נייע פארפליכטונגען פאר עקאנאמישע בענעפיטן העכער פון די אין די אריגינעלע קאנטראקט, אריינרעכענענדיג 32 מיליאן דאלאר פארשפראכן אין קאמיוניטי-קאנצענטרירטע אינוועסטירונגען אין ניו יארק'ס שוואכערע קאמיוניטיס און 16.5 מיליאן דאלאר פאר אונטערנעמונגען צו האלטן אן אויג אויף ווילדע באשעפענישן און פישערייען.
- פארפליכטונגען צו איינקויפן א מינימום פון 188 מיליאן דאלאר ווערט פון אייזן און שטאל אין די פאראייניגטע שטאטן, שטיצנדיג מעניופעקטשורינג אין די פאראייניגטע שטאטן און דעם 'ניו יארק קויף אין אמעריקע געזעץ' (Buy American Act).
- פאדערונגען צו מאכן אפמאכן מיט די ארבייטער יוניאנס (Labor Peace Agreements) פאר די אפעראציעס און אויפהאלטונג סערוויסעס.

די דורכשניטליכע השפעה וואס מענטשן וועלן זעהן אויף זייערע בילס לענגאויס די גאנג יארן פון די אויסדערוועהלטע פראיעקטן וועלן זיין אומגעפער צוויי פראצענט, אדער אומגעפער $2.09 פער חודש. די דורכשניטליכע קאסטן פאר אלע געביטן פון די אנטוויקלונג פון די אויסדערוועהלטע ים-ווינט ענערגיע פראיעקטן אין לויף פון די יארן פון די קאנטראקטן איז $150.15 פער מעגאוואַט-שעה וואס איז אויף די זעלבע שטאפל ווי די לעצטע מארקעט פרייזן. נאכפאלגנדיג דאס וואס די קאנטראקטן וועלן ערפאלגרייך

דורכגעפירט ווערן וועלן NYSERDA באצאלונגען אונטער די אויסוואהל זיך אנהויבן איינמאל פראיעקטן האבן פארשאפט אלע פארלאנגטע פערמיטס און באשטעטיגונגען, זענען פארענדיגט געווארן און האבן אנגעהויבן ליפערן ריינע ענערגיע צו ניו יארק.

**פרעזידענט פון Equinor Renewables Americas, מאלי מאריס, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול און NYSERDA האבן ווידעראמאל ארויסגעוויזן זייער פארפליכטונג צו ים ווינט, און מיר זענען דאנקבאר אז Empire Wind איז אויסדערוועהלט געווארן צו העלפן שטיין אין שפיץ פונעם וועג. דאס איז א פארגעשריטענער פראיעקט וואס וועט בקרוב אהערשטעלן פארלעסליכע באנייבארע עלעקטריציטעט פאר הונדערטע טויזנטע ניו יארקער, מיט ענווייראמענטאלע און עקאנאמישע בענעפיטן וואס הויבן זיך אן אויף די לאקאלע שטאפל און וועלן זיך אויסברייטערן אריבער די סטעיט. מיר באדאנקען גאווערנער האקול און NYSERDA פארן אויספירן די אונטערגעיאגטע פראצעדור, און מיר קוקן ארויס צו ווייטער ארבעטן מיט די קאמיוניטי אזוי ווי מיר רוקן זיך פאראויס אין ריכטונג פון די אנהויב ארבעט ביי די סאוט ברוקלין מארין טערמינאל דעם פרילינג."

**Ørsted Group'ס EVP און CEO פאר די אמעריקעס, דעיוויד הארדי, האט געזאגט,** "מיט די אויסוואהל אין ניו יארק'ס פערטע ים-ווינט ענערגיע פארשלאגן אויסוואהל פראצעדור, קענען מיר זעהן אלע שטיקלעך פון די סטעיט'ס ים-ווינט ענערגיע עקאנאמיע קומענדיג צוזאמען, און מיר זענען גאר שטאלץ מיט די ראלע וואס Sunrise Wind וועט שפילן אין די נייע אמעריקאנע ריינע ענערגיע אינדוסטריע. מיר באדאנקען גאווערנער האקול און איר אדמיניסטראציע פארן טרייבן די אינדוסטריע אויף פאראויס אין א קריטישע צייט פאר די בענעפיט פון הייניטיגע און צוקונפטיגע ניו יארקער. Sunrise Wind איז אויפן וועג צו צולייגן כמעט א גיגאַוואַט פון ריינע ענערגיע קאפאציטעט צו ניו יארק'ס גריד ביז סוף פון 2026, בשעת'ן שאפן דזשאבס און נייע קאריערעס, אינוועסטירן אין לאקאלע קאמיוניטיס, מאכן די ראיאנישע געמיש פון ענערגיע מקורות מער פארשידנארטיג און שטופן די סטעיט אין ריכטונג פון אירע ריינע ענערגיע ציהלן."

ארויפבויענדיג אויף די גרענטס און אין איינקלאנג מיט ניו יארק'ס 10-נקודות'דיגע אקציע פלאן, ערווארט NYSERDA צו אנאנסירן גרענטס פאר 'טיער-1' לאנד-באזירטע באנייבארע ענערגיע פראיעקטן אין אפריל פון 2024. ניו יארק'ס 10-נקודות'דיגע אקציע פלאן דינט צו ווידערהאלן די סטעיט'ס פארפליכטונג צו ריינע-ענערגיע אנטוויקלונג, שטאנדהאפטיגקייט און עקאנאמישע וואוקס, און עס שטיצט די סטעיט'ס פארשריט אין די ריכטונג פון ערגרייכן אירע קלימאט געזעץ ציהלן, אריינרעכענענדיג דאס ארויסבאקומען 70 פראצענט פון די סטעיט'ס עלעקטריציטעט פון ריינע מקורות ביז 2030.

**פובליק סערוויס קאמיסיע (Public Service Commission) פארזיצער, רארי מ. קריסטשיען, האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנער האקול'ס אנטשלאסענע טריב צו זיכער מאכן אז ניו יארק בלייבט אויף די רעלסן צו נאכקומען אירע ריינע ענערגיע ציהלן. פראיעקטן פון די סארט וועלן שאפן די שיין-באצאלטע, ריינע-ענערגיע דזשאבס וואס מיר וועלן דארפן צו שטיצן אונזער עקאנאמיע לאנג אריין אין די צוקונפט."

**סטעיט סענאטאר קעווין פארקער האט געזאגט,** "די היינטיגע אנאנס ווייזט ארויס ניו יארק'ס פארפליכטונג צו פאראויס שטופן באנייבארע ענערגיע פראיעקטן טראץ אומפאראויסגעזעהענע שוועריגקייטן. איך לויב אויס די גאווערנער פאר איר פירערשאפט, און איך בין אפטימיסטיש אז ניו יארק סטעיט וועט פארזעצן צו באקעמפן קלימאט טויש, ערגרייכן אונזערע קלימאט ציהלן און אהערשטעלן קריטישע בענעפיטן פאר ניו יארקער."

**סטעיט סענאטאר פיט הארקהעם האט געזאגט,** "די פראיעקטן באצייכענען די אויפגאנג פון א נייע עפאכע פון געלעגנהייט פאר ניו יארק, וואו ריינע-ענערגיע פראיעקטן וועלן שאפן טויזנטע שיין-באצאלטע

יוניאן דזשאבס און צושטעלן עלעקטריציטעט פאר אונזערע היימער און ביזנעסער מיט א שפע פון ריינע ענערגיע בשעת'ן אפפטר'ן אונזער עקאנאמיע פון עמיסיעס וואס הרג'ענען די פלאנעט."

**אסעמבלי מיטגלידערין דידי בארעט האט געזאגט,** "די אנאנס פון די צוויי איבערגעארבעטע ים ווינט ענערגיע קאנטראקטן ווייזן ארויס ניו יארק'ס איבערגעגעבנקייט צו בלייבן אויפן וועג צו דערגרייכן אונזער ציהל פון 70% ביז 2030. די צוויי פראיעקטן וואס זענען שוין אונטערוועגנס זענען 10% פון די עלעקטריציטעט וואס איז נויטיג אין דאַונסטעיט ניו יארק, און זיי דארפן צו צושטעלן גענוג קאפאציטעט צו צושטעלן עלעקטריציטעט פאר איין מיליאן ניו יארקע היימער, דאס אלעס בשעת'ן אינוועסטירן אין אונזערע קאמיוניטיס, שאפן שיין-באצאלטע דזשאבס און שטיצן מעניופעקטשורינג אין די פאראייניגטע שטאטן און דעם ניו יארק 'קויף אין אמעריקע' געזעץ."

**אסעמבלי מיטגלידערין דעבארע גליק האט געזאגט,** "אריבערגייין צו ריינע, ענווייראמענט-פריינטליכע ענערגיע ווי ווינט איז נויטיג צו ערגרייכן ניו יארק'ס קלימאט ציהלן. Empire Wind 1 און Sunrise Wind וועלן נישט נאר אריינברענגען איבער 1,700 מעגאַוואַטס פון ריינע-ענערגיע, נאר די פראיעקטן וועלן אויך שאפן מער פון 800 דזשאבס וואס קענען אויסהאלטן מענטשן און שאפן ביליאנען דאלארן אין עקאנאמישע אנטוויקלונג, אויפווייזנדיג אז פראיעקטן וואס היטן אויף די סביבה קענען שאפן דזשאבס און מאכן ניו יארק'ס עקאנאמיע וואקסן. איך אפלאדיר גאווערנער האקול'ס פירערשאפט ביים שטופן ניו יארק'ס קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ ציהלן אין דעם פראיעקט און ווייטער."

**New York State Building Trades יוניאן פרעזידענט, גערי לאבאַרבארע, האט געזאגט,** "אזוי ווי ניו יארק זעצט פאר צו ארבעטן צו ערפילן די ציהלן וואס זענען אוועקגעשטעלט געווארן אין דעם קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ, איז דאס קריטיש אז מיר זאלן פאראויס שטופן גרויסארטיגע ים ווינט ענערגיע פראיעקטן וואס פארשטערקערן אונזער ריינע ענערגיע אינפראסטרוקטור און שאפן טויזנטע שיין-באצאלטע יוניאן קאריערעס פאר שווער-ארבעטנדע ניו יארקער. מיר אפלאדירן די פירערשאפט אין אלבאני און NYSERDA פארן פאראויס שטופן די איניציאטיוון אראפ פון די ברעגעס פון לאנג איילענד און ברוקלין וואס וועלן אונז שטופן צו אונזערע קלימאט ציהלן, העלפנדיג אריינברענגען א נייע גרינע עקאנאמיע און אונטערהייבן אונזערע שוואכערע קאמיוניטיס. אונזערע פעהיגע מענער און פרויען ארבייטער קוקן ארויס צו שפילן א ראלע ביים פאראויס שטופן די קריטישע פראיעקטן און ארבעטן אויף די קאריערעס וואס ערמעגליכן זיי צו אויסהאלטן א פאמיליע און די וועגן ארויף צו די מיטעלע קלאס וואס די קאריערעס פלאסטערן אויס."

**New York State AFL-CIO יוניאן פרעזידענט, מאריאו סילענטאָו, האט געזאגט,** "מיר זענען דערפריידט אז די קאנטראקט רעכנט אריין שטרענגערע געזעצליכע לעיבאר סטאנדארטן צוליב א ביל וואס איז אונטערגעשריבן געווארן דורך די גאווערנער לעצטע יאר. דאס וועט זיכער מאכן אז ניו יארק'ס ריינע-ענערגיע צוקונפט ווערט געבויט, אנגעפירט, אויפגעהאלטן, פאררעכטן און מעניופעקטשורט דורך ארבייטער וואס פארדינען א שיינע געהאלט און וועלכע געניסן פון די בענעפיטן און שוץ מאסנאמען וואס ווערן גאראנטירט דורך יוניאן קאנטראקטן."

**New York City Central Labor Council פרעזידענט, ווינסענט אלווארעז, האט געזאגט,** "די New York City Central Labor Council אונטער AFL-CIO אפלאדירט גאווערנער האקול און NYSERDA פאר די וויכטיגע פארשריט וואס איז היינט אנאנסירט געווארן מיטן אויסוועהלן די גרעסטע ענערגיע-אויפטרייבונג פראיעקטן אין ניו יארק סטעיט אין איבער 35 יאר און פאר זייער אנגייענדע פארפליכטונג צו שטארקע לעיבאר סטאנדארטן אזוי ווי מיר גייען אריבער צו א ריינע-ענערגיע עקאנאמיע. די NYC Labor Movement קוקט ארויס צו פארזעצן צו ארבעטן צוזאמען צו זיכער מאכן אז בשעת מיר אינוועסטירן אין אונזער באנייבארע ענערגיע צוקונפט, אדרעסירן קלימאט ענדערונג און העלפן עררייכן

ענערגיע זעלבסטשטענדיגקייט — שאפן מיר אויך גוטע יוניאן דזשאבס און אז מיר בויען אויך א שטארקע און שטאנדהאפטיגע עקאנאמיע פאר אלע ניו יארקער."

**פרעזידענט פון די Long Island Federation of Labor אונטער AFL-CIO, דזשאן דורסאָ, האט געזאגט,** "די ארבעטנדע מענטשן וועם מיר פארטרעטן געפונען זיך אויף די פראנט ליניעס פון דעם קלימאט קריזיס, און היינט איז א גוטער טאג אויף די פראנט ליניעס. גאווערנער האקול'ס פירערשאפט ביים אונטעריאגן די אויסוואהל פראצעדור האט געהאלטן ניו יארק סטעיט אויף די רעלסן צו ערגרייכן 9 GW ביז 2035, און עס האט געברענגט באררייכערטע עקאנאמישע אינוועסטירונגען וואס גייען האלטן לאנג איילענד איינוואוינער ביים ארבעט."

**Building and Construction Trades Council of Nassau and Suffolk Counties פרעזידענט, מעטיו אראקיק, האט געזאגט,** "איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול און NYSERDA פאר זייער פירערשאפט און שווערע ארבעט ארום ניו יארק'ס פערטע פארשלאגן אויסוואהל פראצעדור. די Building Trades 800 יוניאן קאנסטרוקציע דזשאבס וואס ערמעגליכן צו אויסהאלטן א פאמיליע וואס וועלן געשאפן ווערן אלס רעזולטאט פון די אויסוואהל וועלן האבן אן אמת'ע השפעה אויף די עקאנאמיע דא אין לאנג איילענד. די געלעגנהייט וואס ווערט געברענגט דורך די ים ווינט אינדוסטריע וועט ערלויבן די Building Trades צו אויספלאסטערן די וועג פון זיין א קאמיוניטי מיטגליד צו זיך אריינטערנירן ביזן ווערן א געניטער פאכמאן פאר פילע יארן אין די צוקונפט; די וועג איז אן עכטע טויער צו די מיטעלע קלאס פאר אונזערע לאקאלע איינוואוינער."

**Alliance for Clean Energy NY ציטווייליגע עקזעקיוטיוו דירעקטארין, דעב פעק קעלעהער, האט געזאגט,** "די היינטיגע אנאנס איז א געווינס פאר אלע ניו יארקער. ווען זיי וועלן זיין פארטיג וועלן די ים ווינט פראיעקטן האבן א ממשיות'דיגע השפעה ביים נאכקומען אונזער סטעיט'ס קלימאט און באנייבארע ענערגיע ציהלן. ניו יארקער וועלן אטעמען לייכטער מיט ריינע עלעקטריציטעט אויפטרייבונג. אלס א וואקסנדע אינדוסטריע, וועט ים ווינט פארזעצן צו זיין א צענטראלע טייל פון אונזער צוקונפט מיט ריינע ענערגיע."

**לאנג איילענד אסאָוסיעישען (Long Island Association, LIA) פרעזידענט און CEO, מעט קאָוהען, האט געזאגט,** "די LIA אפלאדירט גאווערנער האקול און NYSERDA פארן פאראויס שטופן קריטישע ים ווינט ענערגיע פראיעקטן וועלכע וועלן ברענגען טראנספארמאטיווע עקאנאמישע און ריינע-ענערגיע בענעפיטן פאר לאנג איילענד און ניו יארק סטעיט. די אויגן פון די לאנד זענען אויף אונזער ראיאן אזוי ווי מיר זעצן פאר צו זיין פירער ביים שאפן דזשאבס און סופליי טשעין געלעגנהייטן בשעת'ן גלייכצייטיג באקעמפן קלימאט טויש בשותפות מיט Ørsted און Equinor."

**New York Offshore Wind Alliance דירעקטאר, פרעד זאלקמאן, האט געזאגט,** "די האקול אדמיניסטראציע'ס אויסוואהל פון מערערע ים ווינט פראיעקטן וואס זענען שוין אין פארגעשריטענע שטאפלען איז א ריזיגע געווינס פאר ניו יארק'ס עקאנאמיע און סביבה, און עס באפעסטיגט ניו יארק'ס שטאנד אלס א קריטישע צענטער אין די מעניופעקטשורינג פון פראיעקט באשטאנדטיילן און פארט-זייט קאנסטרוקציע אקטיוויטעט. מיט די היינטיגע אנאנס האט די סטעיט געניטערהייט זיך אפגעגעבן מיט די עקאנאמישע שוועריגקייטן אין די גלאבאלע עקאנאמיע נאכפאלגנדיג קאוויד, און זי האט אנטשיידענערהייט אוועקגעשטעלט די פאראייניגטע שטאטן ים ווינט אינדוסטריע אויף א פעסטערע און מער אינקלוסיווע יסוד, בשעת'ן באשיצן די אינטערעסן פון די מענטשן וואס נוצן די ענערגיע."

**New York League of Conservation Voters פרעזידענט, דזשולי טייה, האט געזאגט,** "די אויסוואהל פון Empire 1 און Sunrise Wind – צוויי פראיעקטן וואס זענען גרייט צו אנהויבן די ארבעט און וועלן זיך פאראויס רוקן דאס יאר – איז נישט נאר א ברכה פאר די סטעיט'ס ריינע ענערגיע מקורות,

נאר עס וועט אויך אונטערטרייבן די באנייבארע ענערגיע סופליי טשעין דא אין לאנד בשעת'ן צושטעלן הונדערטע שיין-באצאלטע קאנסטרוקציע דזשאבס, מאכנדיג דאס א געווינס פאר אלע צדדים, פאר די סביבה און פאר די עקאנאמיע. מיר אפלאדירן גאווערנער האקול פארן אנערקענען אז עס איז נישטא קיין מער דרינגנדע דראאונג פון קלימאט טויש און קיין גרעסערע נויט ווי אראפגיין פון פאַסיל ברענשטאף און ערפילן די סטעיט'ס ריינע ענערגיע צוזאגן."

**Citizens Campaign for the Environment עקזעקיוטיוו דירעקטארין, עידריען עספאזיטאָו, האט געזאגט,** "די אויסוואהל פון Sunrise Wind און Empire Wind איז א קלארע סיגנאל אז ניו יארק איז פארפליכטעט צו פאראויס שטופן ים ווינט ענערגיע און פארזעצן אונזער באנייבארע ענערגיע רעוואלוציע. די צוויי ים-ווינט ענערגיע פראיעקטן זענען שוין פיין אונטערוועגס אין די רעגולאטארישע און פערמיטס פראצעדור וואס גיבט אן איבערהאנט מיט די צייט וואס ניו יארק איז קלוג געווען צו אויסנוצן. פארזעצנדיג די פראיעקטן איז א קלוגע עקאנאמישע באשלוס וואס וועט ברענגען לאקאלע דזשאבס, ריינערע לופט און אונז ארויסהעלפן ביים עררייכן אונזערע קארבאן רעדוקציע ציהלן. די ווערטפולע אנאנס ברענגט א פאזיטיווע שוואונג פאר אונזער ענערגיע אריבערגאנג און זאגט דייטליך אז ניו יארק איז אפן פאר ביזנעס פאר ים-ווינט ענערגיע איינפירונג. א דאנק פאר גאווערנער האקול'ס פירערשאפט און פאר די מאנשאפט פון NYSERDA פאר זייער גרונטליכע און דורכגעטראכטע פארשנעלערטע איבערבליק. צוזאמען בויען מיר א ריינערע און גרינערע ניו יארק."

**ניו יארק סיטי ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט אליאנס ( New York City Environmental Justice Alliance, NYC-EJA) עקזעקיוטיוו דירעקטארין, עדי באטיסטע, האט געזאגט,** "NYC-EJA איז באגייסטערט צו זעהן די ים-ווינט ענערגיע פראיעקטן גייענדיג פאראויס. די פראיעקטן ברענגען די געלעגנהייט צו פיל מאדערניזירן אונזער פארט און ענערגיע אינפראסטרוקטור בשעת'ן ריייניגן די לופט וואס מיר אטעמען. דאס ווידער ארייננברענגען אונזער וואסער ברעג אין אינדוסטריאלע באנוץ – אויב דאס וועט געטוהן ווערן ריכטיגערהייט – וועט באשעפטיגן אונזערע קאמיוניטי מיטגלידער, און עס מוז נישט קומען אויפן חשבון פון אונזער געזונטהייט. מיר קוקן ארויס צו שפילן אן אקטיווע ראלע אין די דעוועלאפמענט און אפעראציע פון די פראיעקטן צו פארזיכערן אז מענטשן אין די ארבייטער קלאס אין אונזער געגנט באקומען למעשה די בענעפיטן פון די אינוועסטירונגען."

**צענטער פאר ענווייראמענט-פריינטליכע ( Center for Economic Growth, CEG) פרעזידענט, מארק איגען, האט געזאגט,** "די היינטיגע אנאנס סיגנאלירט ניו יארק סטעיט'ס פארפליכטונג צו בויען א שטאנדהאפטיגע און שטארקע מארקעט פאר ים-ווינט ענערגיע. CEG קוקט ארויס צו פארזעצן אירע שותפות'ן מיט Empire Wind און Sunrise Wind צו אהערשטעלן קאמיוניטי און עקאנאמישע בענעפיטן אין דעם הויפטשטאט ראיאן."

**ניו יארק סיטי עקאנאמישע אנטוויקלונג קערפערשאפט ( New York City Economic Development Corporation, NYCEDC) טשיעף אפערעיטינג אפיסער, מעליסע ראָומאן בוירטש, האט געזאגט,** "NYSERDA's אויסוואהל פון Equinor's Empire Wind 1 פראיעקט אין די סטעיט'ס פערטע ים ווינט ענערגיע פארשלאגן אויסוואהל רונדע ברענגט אונז איין טריט נאענטער צו פארוואנדלען די סאוט ברוקלין מארין טערמינאל (South Brooklyn Marine Terminal, SBMT) צו ווערן איינס פון די גרעסטע ים-ווינט ענערגיע פארט איינריכטונגען אין דאס לאנד און אויספלאסטערן די וועג פאר באדייטפולע דזשאבס אין די ריינע ענערגיע אינדוסטריע. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט אונזערע שותפים אין די פריוואטע סעקטאר, און אזוי אויך אין סטעיט און סיטי רעגירונג, צו פארזעצן צו איבערבויען אונזער וואסער-ברעגע אינפראסטרוקטור, בויען א ריינע-ענערגיע צוקונפט און שאפן דזשאבס פאר אלע ניו יארקער."

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך טייל פון די לאנד'ס מערסט-אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, שטופט ניו יארק פאראויס א רייע פון באמיאונגען – אריינרעכענענדיג דער ניו יארק עמיסיע באגרעניצונג אינוועסטירונג (New York Cap-and-Invest, NYCI) פראגראם און אנדערע באגלייטנדע פאליסיס – צו דערגרייכן א 40 פראצענט רעדוקציע אין שעדליכע גאז עמיסיעס ביז 2030, און א 85 פראצענט רעדוקציע ביז 2050, אראפ פון די שטאפלען וואו עס איז געווען אין 1990. ניו יארק איז אויך אויף די רעלסן צו ערגרייכן איר ציהל צו האבן אן עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט סעקטאר ביז 2040, אריינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון ענערגיע ווערנדיג אויפגעטריבן פון ריינע מקורות ביז 2030, און צו אנקומען צו א קארבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצענדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 40 ביליאן דאלאר אין 64 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסעיס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, כמעט 3 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און איבער 2 ביליאן דאלאר אין ניו יארקע גרינע באנק פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 170,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2022 און א 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די דיסטריביוּטעד סאלאר סעקטאר זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו פאראויס שטופן ניו יארק'ס קלימאט שריט, מיט מער פון 400 רעגיסטרירטע און מער פון 130 סערטיפייד 'קלימאט-קלוגע' קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג אינציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו העלפן ציהלן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן